בס"ד

תרומה | תשע"ו
זכור
גליון נומער: 9

עלה לתרופה

א וועכנטליכע גליון אויף פרשת השבוע
חיזוק, הייליגע דיבורים און עצות פון הרה"ק ר' נחמן מברסלב זיע"א

על הפרשה

עס איז שוין שפעט... אבער מיר ווארטן אויס די לעצטע מינוט

רבותי! מיר האלטן יעצט אין די לעצטע פאר מינוט... נאך אביסל ענדיגן מיר די פיבערהאפטיגע הכנות פון זיך גרייטן צו די ריזיגע אויסטערלישע מעמד הקדוש, די קבלת פנים וואס וועט אט - אט פארקומען דא און איבער די גאנצע וועלט, איבער אלע ימים ויבשות, בכל קצוות תבל. ווארטס, האלטס איין דעם אטעם. עס וועט געשען, די מינוט קומט... באלד וועלן מיר הערן די פיסטריט פונעם אויסגעווארטענעם גאסט... משיח בן דוד.

די פיבערהאפטיגע הכנות צו קבלת פני משיח צדקינו ציעט זיך שוין כמעט צוויי טויזנט יאר. מיר זענען פיבערדיג בגוף ובנפש, פון גרויס ווארטעניש און גלוסטעניש. מיר קענען שוין נישט אויסהאלטן די לחץ, מיר קענען שוין נישט איינהאלטן דעם אטעם. ווען וועט שוין קומען די ערווארטעטע זיסע סוף צום ביטערן גלות? אויב מיר וואלטן כאטש געוואוסט וויאזוי אויסצורעכנען דעם זמן פונעם נץ – ווען די זון וועט אויפשיינען... דעמאלט וואלט דער נאכט אפשר געווען גרינגער דורכצושטופן.

אפשר וואלט עס געווען גרינגער? לאוו דווקא. די פריערדיגע מאל וואס די גאנצע וועלט איז געשטאנען מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם און געווארט פארן אור הגאולה, האבן זיי געוואוסט וויפיל שעה די גלות נאכט וועט דויערן. לכאורה איז געווען א קלארע הבטחה: לְפִי מְלֹאת לְבָבֶל שִׁבְעִים שָׁנָה אֶפְקֹד אֶתְכֶם (ירמיה כט, י). אבער חשבונות האבן נישט געהאלפן... ווען מען איז געשטאנען הארט פארן זמן הגאולה האט מען נישט געזען קיין שום סימנים פון ליכטיגקייט, נאר אדרבה, די פינסטערניש איז געווארן וואס א מאל שטערקער און געדעכטער. די הכנות פארן בית שני האבן זיך אפגעשטעלט א קורצע צייט נאכדעם וואס כורש האט געגעבן די אידן רשות צו בויען. די אידן האבן געהאט שונאים איבעראל, און בייזוויליגע פלענער האבן זיך געוועבט ארום זיי. אינעם גייסטישן הינזיכט זענען די הכנות צו גאולה כמעט געווען ביים סוף, אבער דער מענטשליכער אויג האט בלויז געזען א סוף צו האפענונג און טרייסט. דאס איז עס. שוין נישטא אויף וואס צו ווארטן. די געפיל אז "מיר וועלן דא בלייבן" האט זיך ארייגעכאפט אין פיל אידישע הערצער צוליב די שרעקליכע חשכות וואס איז בלויז ערגער געווארן אין די לעצטע תקופה איידער די גאולה נאך גלות בבל.

> עמיצער שטייט אין די זייט און באמערקט יא וואס גייט פאר מיט אונז, און ער קוקט מיט קלוגע אבער שפיזיגע אויגן. ער שמעקט שוין אז דער גלות האלט זיך ביים אויסקאכן.

איינער איז געשטאנען און באטראכט דעם שווערן מצב מיט א קלוגע אבער שפיזיגע בליק. ער האט געוואוסט און פארשטאנען חשבונות, און ער האט געוואוסט אז דער נאכט קומט באלד צו א סוף. אין איינוועגס קומט באלד זיין סוף. ער, דער מאַנסטער וועלכער געוועלטיגט ביינאכט, האט זיך גע'ישוב'ט און פארטראכט, ביז ס'איז אים איינגעפאלן אזא גוטע פלאן אז ער האט אין הארצן געלאכט.

דער מאַנסטער איז געווען א מומחה אין "כישוף" און אין אויג-פארבלענדעניש. מען האט אים גערופן המן. ער האט פארשטאנען אז זיין שטערקסטע כח איז "די לעצטע מינוט". די לעצטע מינוטן פונעם נאכט זענען די טונקלסטע און שווערסטע. דעמאלט האט ער א געלעגנהייט צו כאפן די גורל'דיגע צייט אין זיינע הענט און איבערקערן די מציאות צו א שטענדיגע און פולשטענדיגע גלות. איין זאך האט המן נישט גענומען בחשבון, "איש יהודי היה בשושן הבירה, ושמו מרדכי"...

"כישוף" זעט אונז אויס ווי אן אמאליגע מיסטריעזע קונץ וואס האט נישט קיין שייכות מיט אונז. אבער כישוף איז א פאקטישע מציאות אויך היינט –ליידער. מיר אידענטיפיצירן עס מיט אנדערע נעמען, אבער עס נעמט נישט אוועק פון דער כח וואס כישוף האט. עס גנב'ט זיך אריין דארט וואו מען כאפט אפילו נישט. א איד זיצט און לערנט חומש – רש"י מיט א חשק. ער מישט א בלאט און נאך א בלאט, און ער שפירט ממש צופרידן פון זיין הישג. פלוצלינג קומט אריין א קליינע מחשבה וואס צושטערט זיין גאנצע סיפוק. וואס מיינסטו - דאס הייסט דען געלערנט? אזוי וואקסט מען א תלמיד חכם? נו, וואס גייט אמאל ווערן פון דיר... די מחשבה קען דויערן נישט מער ווי א מינוט, קוים וואס ער כאפט אז ער האט עפעס געטראכט, אבער דער איד הייבט אן שפירן אזוי צוקלאפט אז ער הייבט זיך אן מסתפק זיין אויב זיין ברכת התורה איז אפשר א ברכה לבטלה. וואס איז גורם זיין צומישעניש? פארוואס וואונדערט ער זיך וואס גייט אמאל ווערן פון אים, אין די צייט וואס עס ווערט שוין יעצט באשאפן הונדערטע מלאכים יעדע מינוט און יעדע רגע בשעת ער לערנט?

די ווידער-קול וואס הילכט אפ אין מח בשעת מיר זענען עוסק אין גוטע זאכן (אוי, וואס וועט אמאל ווערן פון מיר?...), איז די זעלבע כח וואס געוועלטיגט אויף אונזער דמיון ווען מיר טראכטן וועגן די גאולה וואס פארזוימט זיך (אוי, וואס וועט זיין מיט אונז?). מיר כאפן נישט אז מיר שטייען אינמיטן גרויסארטיגע הכנות פארן בנין בית המקדש. מיר זעען נישט וואס מיר בויען, מיר באמערקן נישט וואס שפילט זיך אפ ארום אונז און פאר אונזערע אויגן.

עמיצער שטייט אין די זייט און באמערקט יא וואס גייט פאר, און ער קוקט מיט קלוגע אבער שפיזיגע אויגן. דער שטן שמעקט שוין אז דער גלות האלט זיך ביים אויסקאכן, און באלד ווערט ער שוין צושטאכן ביז אן ענדגילטיגער טויט. ער קומט אין די לעצטע מינוט, אונז פאר'סמ'ן מיט גיפטיגע מחשבות וואס טרייבן די ביטער- קאלטע

פארזעצונג אויף זייט 4.

- ליקוטי מוהר"ן תורה י' -

המשך

א מאמר לכבוד פורים ־ א תמצית פון ליקוטי מוהר"ן תורה י' וואס געבט אונז אן עצה אויף למעשה וויאזוי זיך צו גרייטן לימי הפורים הבא עלינו לטובה.

די עצה מבטל צו זיין די עבודה זרה פון גאווה וואס איז שורש קליפת המן ־ איז התקרבות לצדיקים. דער צדיק איז דער "איש אשר רוח בו" וועלכער בלאזט אריין רוח החיים פון הייליגקייט און אמונה, און ער איז ממשיך ידיעת אלקותו יתברך אין די נידריגסטע ערטער. דורך דעם צדיק'ס רוח ווערט די רוח פון עבודה זרה ־ א מענטש'ס ישות ־ בטל.

דער צדיק'ס רוח מאכט דער חילוק צווישן די ווארט "אחר" און "אחד" ־ וואס דאס איז טיילט אפ א-ל אחר (עבודה זרה) פון א-ל אחד. דער חילוק איז קוצא דאות ד', און אין דעם קליינעם שפיץ ליגט די המשכה פון מידות הרחמים העליונים (אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין "אדרא"). דעם אויבערשטן'ס רחמנות ווערט על פי סוד גערופן "קוצא" און דאס איז דער סוד פון "יסוד אבא" ־ הארת מרדכי ־ אזוי ווי עס ווערט פאלגנד ערקלערט.

גאווה און ישות האלטן אפ מוחין און ידיעות אלקותו יתברך פון פארשפרייט ווערן אינעם גאנצן גוף. (ווי דערמאנט אינעם לעצטן מאמר, איז גאווה גורם אז א מענטש זאל בלויז ווילן שלימות און נישט זיין צופרידן פון קלייניקייטן. דאס ברענגט עצבות און כבידות.) דורכדעם פארלירט מען אמונה, די קליפות זענען יונק פון די פיס, פון נפילות, און זיי פארמיידן דעם מענטש פון שמחה. דערפאר דארף מען אריינברענגען אמונה כדי ממתיק צו זיין דאס וואס די קליפות פארביטערן. אויך דארף מען מתקן זיין די הענט, א משל אויף חסדים וגבורות, וואס זענען מרמז אויף די געפילן פון אהבות ויראות וואס זענען געפאלן און פארפאלן געווארן צו נידריגע ערטער (אנשטאט צו ווענדן די אהבה כלפי דעם באשעפער, איז די געפיל אראפגעפאלן צו תאוות, און אנשטאט יראת שמים, איז די יראה פארוואנדלט געווארן צו אומזיסטע פחדים).

אהבה ויראה פאלן אראפ ווען א מענטש'ס גאווה הייבט זיך אויף. אבער ווען א מענטש דערנענטערט זיך צום צדיק, ווערט ער געהויבן דורך א הייליגע רוח החיים וואס דער צדיק בלאזט אריין אין זיין נשמה. דער צדיק ברענגט צוריק דער אמת'ער חיות פון תורה ומצוות. דעמאלט ווערט די מוחין צושפרייט אין אלע גלידער ־ אויך אין די הענט און פיס און אין די נידריגע פלעצער. דער מענטש הייבט זיך, און זיינע הענט און פיס הייבן זיך אין א טאנץ, דורכדעם וואס זיין הארץ ווערט גאנץ מיט שמחה.

די עצה אויף למעשה איז זיך מעורר צו זיין צו ריקודים און המחאת כף, דורך זוכן און אפירנעמען דעם רוח החיים וואס ווערט נמשך פונעם צדיק, און אזוי קען מען ממתיק זיין אלע שווערע דינים וואס הענגען אויפן מענטש.

ווען דער רבי האט געזאגט די תורה, האט ער צוגעלייגט אז ער מיינט דאס "כפשוטו", מעורר זיין שמחה ביז מען קומט צו צו ריקודים און המחאת כף.

מען קען אריינברענגען שמחה אין הארץ אויך דורך עוסק זיין אין תורה וואס איז א בחינה פון "לב" ־ עס הייבט זיך אן מיט א ב' און ענדיגט זיך מיט א ל'. די תורה איז אן אוצר פון רוח דקדושה, און דורך מצוות קען מען צוקומען צו גרויס דביקות אין השי"ת, אבער מען קען נאר אנטדעקן די אוצר וואס ליגט אין תורה דורך התקרבות לצדיק, דורכדעם וואס דער צדיק שיינט אריין א רצון צו זוכן השי"ת אין תורה און אין קיום המצוות מיט אן אמת, און נישט זוכן די חיצוניות'דיגע הצלחה וואס איז צום סוף גורם עצבות.

דער עיקר התגברות הדינים איז ווען מען איז נישט מקיים תורה, אדער ווען מען איז עס יא מקיים אבער אן זוכן דער רוח החיים פון קדושה וואס ליגט באהאלטן אין איר (נאר מען זוכט אייגענע הצלחה).

א חלק פון די תורה הקדושה איז נגלה, דאס איז מקיים זיין פשטות התורה, און ווער עס איז זיך מקרב צו צדיקים מיט א רצון צו מרבה זיין כבוד השם, קען צוקומען צו אהבה, יראה, און שמחה וואס איז בחינת מחיאת כפיים.

אן אנדערן חלק פון תורה איז נסתר, וואס דאס איז משיג זיין די פנימיות פון יעדע מצוה, און פארשטיין וויאזוי מען טרעפט השי"ת אין הסתרות, דורך יעדע מצוה. ווען מען איז זיך מקרב צו צדיקים, און מען זוכט דעם באהאלטענעם רוח וואס ליגט אין תורה, דאן הייבן זיך די פיס וועלכע זענען א בחינה פון נידריגע פלעצער וואס דארט כאפט זיך אן כפירות. דורכדעם קומט א מענטש צו ריקודים.

המן וועלכער איז געווען פול מיט ישות, האט געוואלט מבטל זיין דער רוח החיים וואס ליגט אין תורה, און דערפאר האט ער אויסגעקליבן דעם גורל'דיגן חודש פון משה רבינו'ס הסתלקות, מיטן קלער אז קיינער האט נישט קיין כח אריינצושיינען קדושה און מבטל זיין דינעם אין א צייט פון קטנות.

מרדכי ואסתר האבן אויפגעוויזן דעם אמת אז ס'איז יא דא א כח צו מבטל זיין גאווה. מרדכי איז די הארה פון משה וואס איז ממשיך "הארת ידיים" ־ א בחינה פון די נגלות אין תורה און אמונה אז מיר פארשאפן נחת למעלה. אסתר ווייזט אויף דער סוד פון כנסת ישראל, וואס נידערט צו קטנות, דער מקום פון רגלין. דורכדעם וואס מרדכי האט איר ערצויגן, האט זי געקענט טרעפן דעם אור פון השי"ת צווישן אלע הסתרות (בחינת בית). זי האט גענידערט צו בית אחשורוש און מעלה געווען קדושה פון דארט, און דאס אלעס איז געווען דורך מרדכי הצדיק'ס כח. דערפאר ווערט מגילת אסתר גערופן אויף איר נאמען , ווייל דער עיקר איז מתקן זיין "נסתר" און ממשיך זיין מרדכי'ס רוח החיים צו די נידריגע פלעצער.

דאס איז וואס די נאמען פון "פורים" איז מרמז: "פּוּרָה דָּרַכְתִּי לְבַדִּי" (ישעיה סג, ג). השי"ת וועט זאגן לעתיד לבא אז ער האט צוטרעטן די גוים אזוי ווי א "פּוּרָה" ־ א וויין קעלטער וואס צודרוקט טרויבן. "פּוּרָה" איז מרמז אויף די קליפות וואס ווערן צוטרעטן אין פורים, דורך דער נס וואס שפילט זיך איבער יעדע יאר, און דורך "הארת יסוד אבא" וואס נידערט צום עולם העשייה ממש. קבלת התורה ווערט נתחדש, און קיום מצוות דורך שמחה ווערט באנייעט, און מיר האבן א געלעגנהייט ממשיך צו זיין רוח החיים אויך אינעם הסתר, ביז מיר קומען צו צו ריקודים און המחאת כף וואס איז ממתיק אלע דינים און הסתרות.

מחיית עמלק

שאלה:

פארוואס מאכן מיר אזא עסק פון ״עמלק״ וואס איז דער ראש פון אלע קליפות און טמאות שבעולם? עס ווערט געברענגט פון קדמונים אז שמחת פורים איז דורך מאכל ומשתה ווייל המן האט ״בלויז״ געוואלט הרג׳נען אונזער גוף ־ אויב אזוי פארוואס זענען מיר דווקא יעצט פארנומען מיטן ״גייסטישן״ חלק פון מחיית עמלק?

תשובה:

המן׳ס ציל איז טאקע געווען להשמיד להרוג ולאבד אינעם פיזישן הינזיכט, אבער אויב ס׳איז נישטא קיין גוף, איז נישטא קיין נשמה. א נשמה אן קיין גוף האט נישט קיין אחיזה אין עולם הזה.

מיט דעם קענען מיר פארשטיין די גרויסע סכנה וואס האט דעמאלט געשוועבט אויף אידן׳ס קעפ ־ פיזיש און גייסטיש גערעדט. המן האט געוואלט אויסמעקן דעם מושג פון ״עם ישראל״, אנדערש ווי אלע פעלקער ווי למשל די יוונים אדער מצריים וועלכע האבן אונז געוואלט ארײנשטופן אין מ״ט שערי טומאה. כאטש מיר ווייסן אז גזירת שמד איז די ערגסטע וואס קען נאר זיין, אבער אויב דער גוף בלייבט איבער קומט אויס אז ס׳בלייבט איבער אזא מושג פון א איד׳ס הייליגער גוף, ווייל אַף-עַל-פִּי שֶׁחָטָא יִשְׂרָאֵל הוּא (סַנְהֶדְרִין מד), און א איד האט אייביג א ברירה זיך צוריקצוקערן צו זיין שורש. דערפאר האט המן געזוכט צו מבער זיין דעם מושג פון א אידישער גוף וואס איז א גוף קדוש נישט קיין חילוק וואס שפיגלט זיך אפ פון זיין רוחניות׳דיגע צורה.

המן האט געוואלט אפטיילן ״גוף״ פון ״נשמה״. ער האט געזען אז מען גלייבט אין קדושת הנשמה, האט ער עס געוואלט אויפהענגען אויף א בוים וואס איז העכער פופציג אמה, כדי צו דערווייטערן פון אונז דעם מושג און אונז ווייזן אז מיר האבן נישט קיין שייכות מיט מרדכי הצדיק׳ס כח הנשמה. דורך הענגען דעם צדיק׳ס נשמה העכער אונזערע השגות, האט ער אין איינוועגס אויך געוואלט באערדיגן דעם גוף יהודי וואס איז א כלי פארן נשמה. המן איז אונז מייאש כדי מיר זאלן נישט גלייבן אין אונזער קדושה, ביז מיר וועלן מזלזל זיין אונזער אברים און ח״ו פאלן א רוחניות׳דיגע און גשמיות׳דיגע מפלה אויפאמאל.

דערפאר זאגן מיר אין די ברכה ״אשר יצר״ אז השי״ת איז ״מפליא לעשות״ און ער טוט א וואונדערליכע פלא פון פארבינדן הימל מיט ערד ־ נשמה וגוף וועלכע זענען לכאורה צוויי עקסטרעמע הפכים. אבער איין קען נישט עקזיסטירן אן דעם צווייטן. א גוף אן א נשמה באלאנגט אין ערד, און א נשמה אן א גוף באלאנגט אונטערן כסא הכבוד. א נשמה מיט א גוף אינאיינעם באלאנגט אין עולם הזה צו שאפן נחת רוח להשי״ת.

מיר מוזן דאס גלייבן און געדענקען יעדן טאג באזונדער און יעדע מינוט פונדאסניי: אונזער גוף איז קדוש! עס איז אינגאנצן אנדערש ווי א גוי׳שער גוף. אונזער גוף איז הייליג, און אלע תרי״ג מצוות איז נאר שייך מקיים צו זיין דורכן גוף. אפילו מצוות וועלכע זענען אפהענגיג אינעם הארץ און שכל, זענען נאר שייך צו מקיים זיין דורך דעם פיזישן מח און מגושם׳דיגע הארץ.

דערפאר איז פורים דער ראש פון אלע התחלות. מיר האלטן באלד ביי יציאת מרים, אבער מען קען נישט ארויסגיין פון מצרים און אנהויבן מקבל זיין די תורה, אויב מיר גלייבן נישט אז אונזער גוף איז א הייליגע כלי שרת ממש. אלע נקודות טובות וואס מיר פלאגן זיך צו טרעפן ־ זענען נקודות טובות וואס שיינט פונעם גשמיות׳דיגן גוף. דאס איז וואס מיר זענען מגלה פורים, און דערפאר פרייען מיר זיך מיט מצוות וואס מיר טוען מיט אונזער גשמיות׳דיגער גוף. (עיין הלכות השכמת הבוקר א׳, אז מצוות שבגוף זענען מגלה די יופי פון די נשמה.)

דערפאר איז דער עיקר מצות היום דורך דער גשמיות׳דיגער גוף, דורך מאכל ומשתה, וואס דורכדעם בלאזט מען דער רוח פון הארץ ־ אריין אין די הענט און פיס. אזוי הייבט מען אן גלייבן אין זיך אליין מצד אונזער גוף, אז מען קען אויפהייבן דעם גוף דורך שמחה, ריקודים, און מחיאת כף. מען באטראכט די אייגענע הענט און מען הייבט אן איינזען ווי הייליג זיי זענען, ס׳איז אידישע הענט! אפילו אויב מען האט חלילה געטוהן עבירות מיט זיי, זענען זיי דאך כלי קודש ממש.

מען טרונקט יין המשכר, מען איז מבלבל די מח, און דורכדעם אנטפלעקט מען דעם ניצוץ הקדוש וואס איז באהאלטן אינעם גוף וואס זעט לכאורה אויס ווי א גוף פון המן, און מען זאגט דערויף, ״ברוך....״

מען עסט סעודות מיט משפחות אינאיינעם, כדי מרבה צו זיין פריינטשאפט און אחדות, דווקא צווישן רעש און טומל ־ פארוואס? ווייל אזוי הייבט מען אן גלייבן אינעם מושג ״יהודי״!

פארזעצונג פון זייט 1.

עס איז שוין שפעט... אבער מיר ווארטן אויס די לעצטע מינוט

מציאות קעגן אונז, אין פנים אריין. מיר שטייען פארפרוירן און פארלוירן, "עד מתי? ווי לאנג נאך וועט עס אזוי אנגיין? גארנישט גייט מיר נישט. אויב עפעס גייט, גייט עס מיטן פיטום אראפ." אזעלכע מחשבות און אזעלכע הרגשים – "איך האלט שוין נישט אויס" – באפאלן אונז היינט אפטער און שטערקער ווי אמאל. היינט שטייען מיר אין די לעצטע מינוט, און אין די לעצטע מינוט איידער אונזער האפענונג ווערט א טאפעדיגע מציאות – טאפן מיר אין די שווערסטע פינסטערניש. עס איז כאילו מען זאגט אונז, "ס'איז די לעצטע מינוט, און מען לאזט דיר איבער אליין זיך צו ספראווען דערמיט." אלע הבטחות ווערן ערגעצוואו פארשטעקט, און דו טרעפסט זיך פנים אל פנים מיט... המן.

המן פריידט זיך אוודאי. די באגעגעניש איז פונקט וואס ער האט געוואלט און געצילט צו דעם. אבער איין זאך האט ער נישט גענומען אין באטראכט, און אט דאס מוזן מיר נעמען און זיך אנכאפן דערויף. דאס איז דער סוד פון מרדכי וואס קערט איבער שטעט און לענדער, וואס קערט איבער אונזער הערצער צום גוטן, וואס קערט איבער אונזער אויג-פארבלענדעניש צו זען די אמת'ע מציאות.

* * *

עס שטייט אין ספרים הקדושים אז מרדכי הצדיק'ס שורש הנשמה איז א ריזיגע התגלות וואס באלייכט די וועלט דווקא אין די טונקלסטע צייטן פון הסתרה וואס נידערט אויף די וועלט אין די לעצטע מינוטן פאר גאולה. השי"ת שיקט אונז, ברוב רחמיו, מרדכי הצדיק'ס אור וואס לייכט אין די גורל'דיגע צייט פון "די לעצטע מינוט". דעמאלט ווען עס האט אויסגעזען ווי המן קען טוהן וואס עס גלוסט זיך אים בשעת כלל ישראל'ס הענט זענען געבינדן, איז מרדכי געגאנגען און אויסגעשריגן דעם מעסעדזש אין די גאסן פון שושן: "איר זענט זיך פשוט טועה, דער אמת איז פונקט פארקערט! מיר האלטן יעצט ביי די לעצטע מינוטן פאר גאולה!" דאס איז די מעסעדזש וואס אלע צדיקי הדורות האבן אונז נאכאנאנד איבערגעגעבן: "די גאולה קומט אין די לעצטע מינוט!"

רבותי, האלט איין דעם אטעם, אבער נאך וויכטיגער האלט איין דעם דמיון וואס פרובירט איבערצורייסן די אמת'ע מציאות וואס שפילט זיך דא אפ קעגן אונזערע בלינדע אויגן! יעצט טארן מיר נישט ווערן געבויגן און געפאלן ביי זיך! בוקט זיך נישט און בייגט זיך נישט צו די אויג-פארבלענדעניש וואס מאלט אויס א בילד פון א גלות וואס האט נישט קיין סוף. דערשרעקט זיך נישט פון א מחשבה וואס מאכט אונז קלערן אז די לעצטע מינוט איז שוין געווען און איז שוין פארפאלן. דער שטן רוקט די ווייזערס פון זייגער פאראויס, אז מיר זאלן טראכטן אז די גאולה וואלט שוין געדארפט געשען, ס'איז נישט – און ס'וועט ח"ו נישט געשען. אבער מיר דארפן וויסן אז ס'איז "נאכנישט" געשען. אבער ס'קומט.

"כי עכשיו התחלה של הגאולה ותיקון כל העולמות הוא מפורים" (ליקו"ה ברכת הריח ד'). די גאולה געשעט שוין יעצט, מיר דארפן נאר וויסן וויאזוי אנצוקוקן די אמת'ע מציאות. אינעם טאג וואס מרדכי הצדיק'ס אור שיינט אין די גאסן פון שטאט, לוינט זיך פשוט אים נאכצוגיין און מיטצוגיין מיט אים אינאיינעם. עס לוינט זיך צו נייגן אן אויער צו דאס וואס די מגילה דערציילט אונז, צו דעם צדיק'ס רוף פון חיזוק: באמת איז נישטא אזא מושג ווי "אלעס גייט מיטן פיטום אראפ". אלעס גייט פונקט ווי עס דארף גיין. אלעס געשעט צו דיר ווייל עס איז גוט פאר דיר. יעדע פלאץ וואו דו געפונסט זיך איז ספעציעל צוגעפאסט צו דיר און צו דיין תיקון.

ווען א איד גייט מיט אזא מהלך המחשבה, און ער גייט מיט שמחה וואו השי"ת פירט אים, גייט ער בעצם א טריט אוועק פונעם חשכות, און א טריט נענטער קעגן די גאולה. און ווען מען גייט ענטפאנגען די אור הגאולה, איז קיין שום פירהאנגp פון חושך נישט מסוגל צו פארשטעלן וואס ליגט ממש אונטער דעם, א גאנג פון א מינוט אפגערוקט. אין איין מינוט, אין די ריכטיגע מינוט, וועט אלעס איבערגעקערט ווערן לטובה.

עלהו לא יבול

ברכת מזל טוב

לכבוד אחינו היקר אוצר תורה וחכמה וחסד המסור בלב ובנפש למען הכלל והפרט

הרה"ח **ר' יעקב חנניה בערנשטיין** שליט"א
מראשי ישיבת דרכי תורה
מו"ץ דקהילתנו מאירת עינים

לרגל הולדת בנו למז"ט
בזכות רבינו הקדוש יזכה לרוב נחת דקדושה מכל יו"ח ומכל תלמידיו
באהבת חברים

אשר זעליג מרגליות　　משה רובינשטיין
נפתלי מענדלאוויטש　　יהודה דייטש

הר"ר **נחמן דרייער** נ"י
בזכות רביה"ק יזכה להצלחה בכל עניינים

בשורה טובה למבקשי השם

צו הערן אינהאלטסרייכע שיעורים אין ליקו"מ:
betler.org | **718-395-2440** #345-28
אדער "אוצרות ברסלב":
718-855-2121

איינטיילצונעמען אינעם זיכוי הרבים פון מפיץ זיין דעם גליון אין בתי מדרשים ביטע רופט: **א"י: 052-7688-609 | חו"ל: 917-909-8851 • 347-451-5857**